# גליון השבוע

פרשת חיי שרה

כתה ד׳

ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר
נתייסדה ע"י כ"ק רבינו ה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
בנין ישעי' זאב לעוו

**לספוד לשרה ולבכתה.**

עס איז דא א קליינע כ׳ ביי לבכתה, עס קען זיך ליינען וּלְבִכְּתָהּ, וואס דאס מיינט אז אברהם האט געוויינט אויך וועגן זיין טאכטער וואס האט געהייסן בַּכֹּל, וואס איז אויך געשטארבן. נאר ביז ווילאנג שרה האט געלעבט, האט אברהם אבינו נישט געשפירט די ווייטאג אז זיין טאכטער איז געשטארבן, נאר ווען שרה איז געשטארבן האט ער אויך געוויינט וועגן זיין טאכטער בַּכֹּל וואס איז געשטארבן. וועגן דעם איז דא א קליינע כ׳ מען זאל עס קענען ליינען וּלְבִתָּהּ.

(חתם סופר)

**ביני ובינך מה הוא:**

די מיטעלסטע אות פון עפרון, איז ר׳, און די מיטעלסטע אות פון אברהם איז אויך ר׳. דאס באטרעפט 200 צוזאמען איז דאס 400.

דאס האט עפרון געזאגט: ביני מיין מיטעלסטע אות. ובינך און דיין מיטעלסטע אות מה הוא. וויפיל באטרעפט דאס. 400 ארבע מאות שקל כסף.אזויפיל געלט זאלסטו מיר באצאהלען.

## מערת המכפלה

עס איז דא א מחלוקת פארוואס מען רופט די מערה (הייל) די געדאפעלטע [מכפלה]. אדער ווייל אין די מערה איז דא צוויי שטובען, אדער ווייל די מערה איז געווען געמאכט פון צוויי שטאקן, איינס איבער די אנדערע.

דער וואס זאגט אז עס איז געווען צוויי שטובען, דאס הייסט דאך נישט געדאפעלט, ווייל מען גייט פון איין שטוב אריין אין די אנדערע, הייסט דאס נאר צוויי שטובען, אבער נישט געדאפעלטע שטיבען ?

נאר וועגען דעם רופט מען די הייל "די געדאפעלטע" ווייל עס זענען דארט געווען באגראבען געדאפעלטע פארן, אדם און חוה, אברהם מיט שרה, יצחק מיט רבקה, און יעקב מיט לאה.

2) אלע יאהרען ווען אברהם און שרה האבען נאר געטראכט אז עס וועט קומען די צייט וואס זיי וועלען דארפען שטארבען, האבען זיי

(גן רוה)

דאס ווארט "עפרן" באטרעפט אויך 400. וועגן דעם שטייט עס אן א וואו".

(בעל הטורים)

**ויקם שדה עפרון.**

די ווערטער פון "ו'יקם ש'דה ע'פרון" זענען ר"ת (ראשי תיבות) עשו.

אין דעם פסוק איז מרומז אז עשו הרשע (נאר די קאפ) איז אויך געווארן באערדיגט אין מערת המכפלה.

ווייל ווען יעקב אבינו איז נפטר געווארן, און מען האט אים געוואלט אריין טראגן אין מערת המכפלה, וואס ער האט אפגעקויפט פון עשו. האט עשו נישט געלאזט באערדיגן יעקב אבינו. ער האט זיך געקריגט מיט יעקב'ס קינדער אויף די מערת המכפלה, ביז חושים דער זון פון דן, וואס ער איז ל"ע געווען טויב, האט אים אפגעהאקט דעם קאפ, און עשו'ס קאפ האט זיך אריין געקוילערט אין דעם מערת המכפלה צווישן יצחק'ס פיס, און מען האט דאס דארט באערדיגט.

(בעל הטורים)

**ואברהם זקן בא בימים וה' ברך אברהם בכל**

מ' קען מפרש זיין דעם פסוק לויט ווי עס ווערט געברענגט אז דער צדיק הרה"ק ר' שמעון מיערוסלאוו ז"ל האט אמאל זיך אויסגעדרוקט אז דערובער האט ער זוכה געווען צו אריכות הימ ים ווייל ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט, ער האט אלעס מקבל געווען באהבה, דאס קען זיין פשט אין פסוק, ואברהם זקן בא בימים, ער האט זוכה געווען צו אריכות הימים ווייל וה' ברך את אברהם בכל, ער איז שטענדיג געווען צופרידן ווי גלייך עס פערט אים גארנישט

(בנין דוד)

נאר איין זאך אויף זיך געוואונטשען. הלוואי וואלטען מיר געוואוסט דאס פלאץ ווי אדם און חוה זענען באגראבען, כדי מיר זאלען קענען זיין באגראבען נעבן זיי.

3) אדם הראשון איז  געווען 100 אמות הויך. די גאנצע מערה איז נאר געווען 50 אמה די לענג, און 50 אמה די ברייט, איז ווי אזוי איז מעגליך אז אדם וואס איז געווען 100 אמה הויך זאל קענען דארט באגראבען ווערען ?

נאר ווען אדם הראשון איז געשטארבען, און דער באשעפער האט איהם געוואלט באגראבען אין די מערת המכפלה האט דער באשעפער איינגעבויגען אדם הראשון אויף צוויי, און אזוי האט ער איהם געקענט באגראבען דארט. וועגען דעם האט מען גערופען דעם מערה "מכפלה" געדאפעלט, ווייל מכפלה איז א לשון פון כפול "איינבייגען".

אברהם אבינו איז געוואויר געווארען אז אדם און חוה זענען באגראבען אין די מערת המכפלה ווען די דריי מלאכים זענען געקומען צו אברהם, און ער האט געוואלט געבען עסען פאר זיי, איז אברהם געלאפען ברענגען א בהמה און די בקר איז אנטלאפען פון אברהם אבינו און איז אריין געלאפען אין די מערת המכפלה, און אברהם איז נאך געלאפען ביז אריין אין די מערה.

ווען אברהם איז אריין אין די מערה האט ער געשפירט זייער א געשמאקע ריח פון גן עדן, און ער האט געזעהן ווי צוויי ליכט ברענען דארט. פלוצלונג האט ער געהערט א קול פון א מלאך וואס האט אויס גערופען "אדם הראשון קבור כאן" אדם הראשון איז דא באגראבען.

ווייטער אויף עמוד ד'

## מידות השבוע ~ גמילות חסדים

ואמרה שתה וגם גמליך אשקה אותה הוכחת לעבדך ליצחק = ראויה היא לו שתהא גמלת חסדים, וכדאי היא ליכנס בביתו של אברהם.

אליעזר איז געגאנגען אויסוועהלן א כלה פאר יצחק אבינו, האט ער זיך געמאכט א צייכען אויב ווען ער וועט איהר בעהטן: "גיב מיר אביסל וואסער", וועט זי זאגן: "איך געב אויך פאר די קעמלעך", איז דאס א קלארע באווייז אז זי באלאנגט אין די שטוב פון אברהם אבינו, וואס האט זיך אויסגעצייכענט אין די מדה פון "גמילת חסדים".

## די מצוה פון גמילת חסדים איז גרעסער פון די מצוה פון צדקה מיט דריי זאכען

**א)** צדקה טוט מען נאר מיט געלט, גמילת חסדים טוט מען סיי מיט'ן גוף און סיי מיט די געלט.

**ב)** צדקה גיבט מען נאר פאר ארימעלייט, גמילות חסדים טוט מען סיי מיט ארימעלייט און סיי מיט עשירים.

**ג)** צדקה קען מען נאר געבן פאר לעבעדיגע מענטשן, גמילות חסדים קען מען טוהן סיי מיט לעבעדיגע און סיי מיט נשמות וואס לעבן שוין נישט. (סוכה דף מ"ט ע"ב)

## הלכות גמילות חסדים

**"הכנסת אורחים"**, אריין ברענגען געסט אין שטוב און זיי מאכען פילען באקוועם און איינגענעם.

**"ביקור חולים"**, באזוכן א איד וואס איז נישט געזונט, מען זאל איהם מאכען פילען בעסער מיט וואס מען קען נאר, מיט א גוטווארט וואס ער וועט הנאה האבן, אנוואונטשען א ווארימע "רפואה שלימה".

**"הכנסת כלה"**, צו העלפן חתונה מאכען אויף סיי וועלכע אופן, זיך מיט פרייען אויף די חתונה, און משמח צו זיין די חתן וכלה מיט ווערטער אדער מיט טענץ.

**"הלוית המת"**, אפגעבן דער לעצטע כבוד פאר א נפטר, לערנען משניות, געבן צדקה, זאגן קדיש פאר זיין נשמה, גיין מנחם אבל זיין, דאס אלעס ווערט אהנגערופען "חסד של אמת", ווייל

## סיפור

### עֶפְּל צום פארקויפען !!

איינמאל איז געקומען א פרוי צום הייליגען צאנזער רב זצ"ל אין זי האט זיך באקלאגט אז זי האט נישט קיין פרנסה, און זי איז אן אלמנה און זי דארף אליין שפייזן איר משפחה, האט זיך דער צאנזער רב געוואונדערט, און געפרעגט פון די פרוי, די פארקויפסט דאך פירות אין מארק, און די פארדינסט דאך געלט פון דעם?, האט די פרוי געענטפערט אז זי האט יעצט געקויפט א גאנצע וואגן פיל מיט עפל, און די מענטשן זאגן אז ס'איז זויער, און קיינער וויל עס נישט קויפן, און איך האב פון דעם א גרויסע שאדן, האט דער הייליגער דברי חיים איר געזאגט, די שטיי ווייטער אין מארק, און איך וועל אהין קומען זעהן אז מען זאל קויפן עפל, איז דער הייליגער דברי חיים אהין געגאנגען אין מארק און זיך דארט אוועק געשטעלט, און אויסגערופן הויעך: ווער וויל קויפן פיינע זיסע עפל! ווען די מענטשן האבן געהערט אז דער צאנזער רב פארקויפט עפל, איז יעדער געקומען צו לויפן קויפן עפל, און ביז א קורצע צייט איז מער נישט געווען קיין איין איינציגע עפל, און אזוי האט די פרוי די אלמנה געהאט גענוג געלט צו שפייזן איר משפחה

דער נפטר וועט דיך קיינמאהל נישט באצאהלן פאר דעם.

**"עזוב תעזוב"**, אז מ'זעהט איינעם שלעפט זיך מיט א שווערע פעקל, גיי צו און זעה מיט וואס די קענסט איהם גרינגער מאכען, אדער אויב מ'זעהט אז איינער איז צובראכען, גיי צו צו איהם, זאג איהם א גוט ווארט ער זאל געבן א שמייכל.

**"קינדער"** וואס העלפן צו אין שטוב, חוץ פון די מצוה פון כיבוד אב ואם, האבן זיי אויך דער מצוה פון גמילת חסדים.

**דאס** זעלבע מצוה איז דא ווען א יונגל וואס קען שוין די וואך שיעור, לערנט מיט א יונגל וואס קען נאך נישט די וואך שיעור, איז דאס די גרעסטע מדה אין גמילת חסדים.

**אויך** ווען א איד בעט עפעס א טובה, זאל מען דאס זייער גערן טון אפילו אויב דער מענטש וואלט דאס געקענט טון אליין, אזוי ווי מיר זעהן אין די וואכעדיגע סדרה, אז ווען אליעזר האט געבעטן פון רבקה וואסער האט זי אים נישט געזאגט "די ביזט דאך אליין נעבן קוואל וואסער, נעם דיר אליין" נאר פארקערט זי האט אים גאר געגעבן צו טרינקען וויפיל ער האט נאר געוואלט, ווייל אזוי דארף זיך א אידיש קינד פירן, אז ווען מען בעט פון אים א טובה זאל ער דאס טון מיט שמחה און נישט זוכן קיין תירוצים אויף זיך ארויס צו דרייען.

מען איז נאר מקיים די מצוה ווען עס ווערט געטוהן מיט א שמייכל אין א גוט הארץ, ווייל אויב ח"ו נישט, איז עס אזוי ווי מען האט גארנישט געטוהן, און נאך געמאכט אז יענער זאל פילען שלעכט.

**אויף** די אלע זאכען באקומט מען שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דער אויבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל, "מיינע קינדער אויב זעהט איהר אז זכות אבות איז שוין מער נישט דא, דאן גייט און טוט חסד איינער מיט'ן צווייטען, ווייל דער שכר פון דעם הערט זיך קיינמאהל נישט אויף.

## אוֹיפְן וֶועג צוּם בְּרִית!!

דער הייליגער רבי עקיבא איגר, האט זיך געפירט צו פארן צו א יעדע ברית וואס איז געווען נאנט צו זיין שטאט,

איינמאל איז געווען זייער א שווערע ווינטער נאכט, מיט גרויסע רעגן'ס, און רבי עקיבא איגר האט זיך מוסר נפש געווען און ער איז געפארן צו א ברית, אינמיטן וועג איז דער וואגן אריין געפאלן אין א טיפע בלאטע, אין דער בעל עגלה האט זייער שווער געארבעט ארויסצושלעפן די וואגן, ענדליך נאך א שטיק צייט איז עס ב"ה ארויס פון די בלאטע און מען האט שוין געקענט פארן ווייטער,

ווען דער בעל עגלה איז ארויף אויפן וואגן האט דער הייליגער רבי עקיבא איגר זיך אנגערופן: די ביסט דאך אינגאנצן דורכגעווייקט נאס און קאלט, דא האסטו א פרישע פאר זאקן אנצוטוהן, דער בעל עגלה האט זיך מחי' געווען און באדאנקט דעם הייליגן צדיק, אינדערפרי ווען מען איז אנגעקומען צום ברית האט דער בעל עגלה באמערקט אז די רבי האט נישט זיינע זאקן,

האט ער געוואלט איבערבעטן דעם רבי'ן פארוואס ער האט גענומען די זאקן פונעם רבי'ן, האט רבי עקיבא איגר געזאגט פאר אים, מיינע פיס זענען נישט געווארן נאס, ווי אזוי קען איך בלייבן זיצן מיט פיינעווארעמע זאקן און די זאלסט חלילה ווערן פארפרוירן.

המשך אוצר השבוע פון עמוד ב'

א רמז אויף דעם זאגט דער בעל הטורים, די אותיות ואל "הבקר" - קען מען ליינען "ואל הקבר רץ אברהם" אז אברהם איז נאך געלאפען די בקר ביז די קבר פון אדם און חוה.

5) ווען אברהם איז אריינגעקומען אין די מערת המכפלה צו באגראבען שרה, האט ער אויפגעהויבען א שטיין וואס האט צוגעדעקט דעם פלאץ וואו ער האט געוואלט באגראבען שרה. פלוצלונג האט זיך אויפגעשטעלט אדם און חוה און האבען געזאגט "ווי אזוי וועלען מיר קענען זיין באגראבען אין די זעלבע מחיצה ווי שרה ? מיר שעהמען זיך דאך ביז היינט מיט אונזערע זינד, וואס מיר האבען געזינדיגט אין גן עדן, און דא ברענגסטו צו אונז אזא פרוי א צדקת אז מיר זאלען נאך מער פארשעהמט ווערן" ? האט אברהם זיי געזאגט "גייט צוריק צו אייערע פלאץ, און איך וועל מתפלל זיין אויף אייך צו השי"ת, אז איהר זאלט זיך שוין קיינמאהל מער נישט שעהמען". ווען אדם האט דאס געהערט איז ער צוריק געגאנגען אין זיין קבר. אבער חוה האט נישט געוואלט צוריק גיין, ביז אברהם האט איהר גענומען און אוועק געלייגט אין איהר קבר.